letter Yochanan 1



באַר (זיי זענען אַרויסגעגאַנגען) כּדי זיי זאָלן
באַקאַנט ווערן, אַז זיי אַלע זענען נישט פון אונז.
20 און איר האָט אַ זאַלבונג פון דעם קדוש, און איר
21 אַלע ווייסט עס. איך האָב אייך נישט געשריבן,
ווייל איר קענט נישט דעם אמת, באַר ווייל איר
קענט אים, און ווייל (איר ווייסט, אַז) קיין שקר איז
22 נישט אויס דעם אמת. ווער איז דער ליגנער, אויב
נישט דער, וועלכער לייקנט אָפּ, אַז ישוע איז דער
משיח? דער דאָזיקער איז דער אַנטי־משיח, וועלכער
23 פאַרלייקנט דעם פאָטער און דעם זון. יעדער,
וועלכער פאַרלייקנט דעם זון, האָט אויך נישט
דעם פאָטער; ווער עס באַקענט דעם זון, דער האָט
24 דעם פאָטער אויך. זאָל בלייבן אין אייך דאָס, וואָס
איר האָט געהערט פון אָנהייב אָן. אויב עס וועט
בלייבן אין אייך דאָס, וואָס איר האָט געהערט פון
אָנהייב אָן, וועט איר אויך בלייבן אין דעם זון און
25 אין דעם פאָטער. און דאָס דאָזיקע איז די הבטחה,
וועלכע ער האָט אונז צוגעזאָגט: דאָס אייביקע
26 לעבן. דאָס האָבן איך אייך געשריבן וועגן די,
27 וואָס פאַרפירן אייך. און איר, די זאַלבונג, וואָס
איר האָט באַקומען פון אים, בלייבט אין אייך, און
איר דאַרפט נישט, אַז עמיצער זאָל אייך לערנען;
באַר ווי זיין זאַלבונג לערנט אייך וועגן אַלעם,
און איז וואָרהאַפטיק, און נישט קיין שקר, און
ווי זי האָט אייך געלערנט, אַזוי זאָלט איר בלייבן
28 אין אים. און איצט, קינדער, בלייבט אין אים;
כּדי ווען ער וועט נתגלה ווערן, זאָלן מיר האָבן
אַ פּתחון פּה, און זיך נישט דאַרפן שעמען פאַר אים
29 ביי זיין אָנקומען. אויב איר ווייסט, אַז ער איז
גערעכט, זאָלט איר וויסן, אַז אַפילו יעדער איינער,
וואָס טוט עוסק זיין אין צדקות איז געבוירן פון אים.